STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04506

25 LIDER

Thomas Moore

Permanent preservation of this book was made possible
by Steve & Renee Steinig
in honor of
their Yiddish speaking Galitzianer grandparents

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טאמאס מור



25 לידער

אידיש פון

דר. א. אייסען

ארויסגעגעבן פון פארלאג
א. ב. ר. מ.
423 גרענד סט., ניו-יארק
1935

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין
זעליגער מוטער
חיה מינדל, ע״ה.

טאָמאַס מור
(1852—1779)

אַ קורצע ביאָגראַפיע

„דער דיכטער פון אַלע קלאַסן
און אַפּגאָט פון אייגענעם קלאַס״.

טאָמאַס מור, דער וועלט-באַרימטער אירלענדישער דיכטער, איז גע־בארן געוואָרן אין דובלין, אירלאַנד, דעם 28טן מאַי, אין יאָר 1779.

ער האָט געהאַט אַ געטרייען פאָטער און אַ ליבע, פייאיקע מוטער. זיינע יאָרן האָט ער גליקלעך פאַרבראַכט ביי זיינע עלטערן אין הויז. שוין אין זיין פריסטער יוגנט האָט ער זיך אַרויסגעוויזן מיט זיין קלוגשאַפט און פייאיקייט. ער האָט געשפּילט אויף דער בינע, געשריבן און דעקלאַמירט לידער און האָט געזונגען מיט אַ וואונדערבאַרער שיינער שטימע, וואָס איז אים פאַרבליבן זיין לעבן לאַנג.

אַלס קינד האָט ער אויסגעזען ווי אַ קליינער קופּידאָ. אַלס דערוואַק־סענער איז ער געווען פון ניט גאָר הויכער וואוקס און מיט בלאָנדע לאָקן, וואָס האָבן באַקרוינט זיין קאָפּ מיט אַ גרויסן און אינטערעסאַנטן שטערן און מיט זייער שיינע טונקעלע אויגן. דאָס מויל זיינס איז געווען שיין און מיט אַ פריילעכן אויסדרוק און גריבלעך אויף די באַקן. די נאָז וואָס האָט אויס־געדריקט ליידנשאַפט איז געווען אַביסל פאַררעסן, ווי זי וואָלט אין זיך איינגעאָטעמט דעם טייערן ריח פון אַ יום-טובדיקן מאַלצייט, צי פון אַ פרוכט-גאָרטן. אין אַלגעמיין איז ער געווען פול מיט לעבן און ענערגיע.

זיין ערשטע אַקאַדעמישע בילדונג נאָך אַלס יונגער בחור האָט ער באַקומען אין טריניטי קאָלעדזש, דובלין. שפּעטער־צו האָט ער געשטודירט געזעץ אין לאָנדאָן.

צו איין און צוואַנציק יאָר האָט ער אָפּגעדרוקט אַן איבערזעצונג פון דעם גריכישן פּאָעט אנאקריאָן, און ער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג.

אין דעם יאָר 1803 (24 יאָר אַלט) האָט ער באַקומען אַן אַמט אין בערמודאַ, און אין פאַרלויף פון נעקסטן יאָר האָט ער אַרומגערייזט וועסט אינדיעס און די פאַראייניקטע שטאַטן.

דורך די דאָזיקע יאָרן האָט ער געשטודירט די פּאָליטיק פון זיין היימלאַנד און גענוי באַאָבאַכטעט דעם שווערן דרוק און יאָך פון דער

ענגלישער טיראַניי קעגן אירלאַנד. דאָס האָט אים אַ שטויס געטאָן צו זיין דיכטערישער האַרפע. ער האָט אָנגעהויבן באַזינגען אין אומשטערבלעכער מוזיק און פּאָעזיע די לאַגע פון אירלאַנד מיט אירע פאָלקסטימלעכע געשיכטעס, אירע ליידן, די בלוטיקע רציחות וואָס ענגלאַנד איז קעגן איר באַגאַנגען און ער האָט אויך באַזונגען די וואונדערלעכע אייגנשאַפטן און טוגנטן פון אירלאַנדס זין און טעכטער.

נאָך אַלס סטודענט אין טריניטי קאָלעדזש האָט אים דער גורל צוזאַמענגעבראַכט מיט אַ געטרייען חבר, ראָבערט עמעט, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע גרויסע פייאיקייטן און מיט זיין רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. עמעט האָט שוין דאַן געהאַט באַלאַנגט צו דער גרופּע „די פאַראייניקטע רעוואָלוציאָנערע איירישע פירער".

צוליב דער גאָר נאָענטער פריינטשאַפט צווישן מור און עמעט האָט די הינריכטונג פון עמעטן געמאַכט אויף מורן אַ געוואַלדיקן איינדרוק.

עמעטס פאַרלאַנג פאַר זיין הינריכטונג, אַז „קיינער זאָל נישט אָנשרייבן מיין עפּיטאַף" איז פאַראייביקט אין איינעם פון מורס לירישע לידער, צווישן זיינע „אירלענדישע מעלאָדיעס", מיט דעם טיטול „אָ, דערמאָנט ניט מיין נאָמען".

אויך מורס ליד „זי איז וייט פון דעם לאַנד" איז באמת די געשיכטע פון עמעטן און זיין געליבטער.

דעם גאַנצן ציקל „אירלענדישע מעלאָדיעס" אַרום 140 אין צאָל האָט מור דאָס ערשטע מאָל פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1808, ווען ער איז אַלט געווען ניין און צוואַנציק יאָר. די מערסטע פון די דאָזיקע לידער זיינען זייער באַרימט און אויף אַ געוויסער צאָל פון זיי איז פאַרפאַסט געוואָרן וואונדערלעכע מוזיק. זיינע לידער זיינען לייכט, צאַרט און פול מיט חן, כאָטש זיי פאַרמאָגן נישט די ליידנשאַפט פון אַ בייראָן אָדער אַ שעלי.

אויסער זיינע „אירלענדישע מעלאָדיעס" האָט זיך מור באַרימט געמאַכט מיט זיינע גרעסערע ווערק, ווי מיט זיין גרויסער אָריענטאַלישער פּאָעמע „לאַלא רוק", זיין באַרימט ביאָגראַפיש ווערק „דאָס לעבן פון בייראָן", „די געשיכטע פון אירלאַנד" און מיט אַ גאַר גרויסער צאָל נאַציאָנאַלע, רעוואָלוציאָנערע, סאַטירישע און הומאָריסטישע אומשטערבלעכע שאַפונגען, וואָס לעבן נאָך ביז היינט צו טאָג.

טאָמאַר מור איז געשטאָרבן אין יאָר 1852, אין עלטער פון צוויי און זיבעציק יאָר.

מיט זיינע „אירלענדישע מעלאָדיען״, זאָגט געאָרג בראַנדעס, האָט טאָמאַס מור ערלעך פאַרדינט זיין דאָקומענט אויף אומשטערבלעכקייט.

אַלץ וואָס זיין אָרים לאַנד האָט דורכגעפילט און דורכגעליטן אין די לאַנגע יאָרן פון דערנידערונג, אירע ליידן און קרעכצן, אירע באַגייסטערטע אויסברוכן, איר קריגערישע געוואַגטקייט און איר שמייכלען דורך טרערן, אַלץ איז דאָ אַרויסגעזונגען אין די לידער, וואָס זיינען אָנגעשריבן מיט אַ בליצנדיקן האַלב־אומעטיקן לייכטזין, מיט אַן עראָטישער באַגייסטערונג. דאָס איז געווען אַ קראַנץ אויסגעפלאָכטן פון טרויער, באַגייסטערונג און צערטלעכקייט, אַ פיין־שמעקנדיקער טרויער־קראַנץ ווי פאַר אַ געשטאָרבע־נעם. מיט אים האָט ער באַקרוינט דעם שטערן פון זיין לאַנד.

און אָט די הויכע מיינונג פון גרויסן קריטיקער געאָרג בראַנדעס האָט נאָך קיינער ניט געענדערט. טאָמאַס מורס פּאָעזיע ווערט נאָך איצט פיל געלייענט מיט גרויס אָנערגונג, ניט נאָר פון זיינע אירלענדער, נאָר אין יעדן לאַנד און פון יעדן וואָס זוכט די שיינקייט און דעם אמת אין עכטער פּאָעזיע.

א. א.

דער טרובאַדור

ו ער זינגער איז אַוועק אין קריג, —
געפינסט אים אויפן שלאַכטפעלד ווייט,
זיין פאָטערס שווערד געגורט צום זיג,
זיין ווילדע האַרף העגנט ביי זיין זייט.
„לאַנד פון געזאַנג!“ — האָט ער געזאָגט —
„ווען גאָר די וועלט דיך בייז פאַרראַט,
דאָך פאַר דיין רעכט איין שווערד זיך שלאָגט,
איין טרייע האַרף לויבט הויך דיין טאַט!“

דער זינגער איז געפאַלן! — דאָך
דעם שונא האָט עס ניט געגליקט
אַריינוואַרפן זיין האַרץ אין יאָך —
ער האָט די סטרונעס באַלד צעפליקט,
און האָט געזאָגט: „עס קען קיין קייט
פאַרקשלאַפן דיך; דיין פרייע ליד
איז בלויז פאַר ריין און פרייע גרייט —
פאַר שקלאַפן קלינגסטו קיינמאָל ניט!“

די האַרף

ו י האַרף, וואָס האָט אין טאראס*) זאַל
אַמאָל געקלונגען דרייסט,
העגנט שטום אויף טאַראַס וואַנט, ווי ס'וואָלט
זיך אָפּגעטאָן איר גייסט.
עס שלאָפט דער שטאָלץ פון יענער צייט,
ניטאָ די פרייד פון רום,
און הערצער, לעכצנדיק אַמאָל
נאָך גלאַנץ, איצט זייגען שטום.

---

*) טארא — אַן אַלטע הויפּט־שטאָט פון דער אירלענדישער מלוכה.

עס שפּילט ניט מער די האַרף אַ לויב,
צו פירער, פּרויען, פּראַכט,
עס רעדט פון די רואינען נאָר
די טריבע שטים ביינאַכט.
ס׳וואַכט זעלטן אויך איצט פרייהייט אויף;
איר פּולס דאָך שלאָגט און שטרעבט,
ווען ס׳פּלאַצט אַ צאָרנדיקע האַרץ.
און ווייזט, אַז זי נאָך לעבט.

ווי ס׳ווערן די כוואַליעס פון זון-ליכט באַשטראַלט

ווי ס׳ווערן די כוואַליעס פון זון-ליכט באַשטראַלט,
ווען אונטן דאָס וואַסער איז פינצטער און קאַלט,
אַזוי קען דאָס פּנים מיט פרייד זיין באַהעלט,
ווען ס׳האַרץ איז פון צווייפל פאַרפרוירן אין קעלט.

איין טריבע דערמאַנונג, איין לייד ניט געשטילט —
די פּיין און די פרייד פון דער וועלט אונז פאַרהילט.
דאָס גליק און דאָס אומגליק פאַרלירן די מאַכט
און ס׳דריקט אויפן האַרצן די שווערקייט פון נאַכט.

דער געדאַנק, וואָס צעשטערט אי די פרייד, אי דעם טרוים,
איז גלייך צו אַ צווייג וואָס הענגט טויט אויף אַ בוים;
אומזיסט וואָס די זון אים נאָך וואַרעמט און גלעט,
ער גלאַנצט אין די שטראַלן, דאָך בליען — שוין שפּעט.

לאָרד בייראָן האָט זייער שטאַרק באַוואונדערט דאָס ליד. דעם צווייטן פערז האָט בייראָן גענומען אַלס מאָטאָ צו זיין באַרימט ווערק The Giaur

דער טאָל פון אַוואָקאַ

עס גיט ניט אין ערגעץ קיין שענערער אָרט,
ווי דער טאָל, וואו די וואַסערן שימערן דאָרט;
ווי לאַנג מיין האַרץ שלאָגט, ביז מיין לעצטער מינוט
וועל איך אים געדענקען דעם טאָל, אַזוי גוט.

ס'איז ניט נאָר געוועזן די שיינקייט, די מאַכט
פון יענער נאַטור מיט איר בליענדיקער פּראַכט;
ס'איז ניט בלויז איר צויבער פון באַרג און פון טייך,
אָ, ניין, ס'איז נאָך שענער און מערער נאָך רייך.

דערפאַר, ווייל איך האָב דאָרט מיט פריינט פיל פאַרבראַכט,
וואָס האָבן דעם אָרט אַזוי ליב מיר געמאַכט.
זיי האָבן געפילט, אַז דאָס שענסטע זיך האַלט
בלויז דאָרט, וואו אַ ליבנדיקער בליק אונז באַשטראַלט.

אָ, טאָל פון אוואָקא! ווי וואָלט זיך מיר איצט
נאָך וועלן מיט פריינט מיינע וואוינען באַשיצט,
ביי דיר, וואו דער שטורעם פון לעבן — ניט גרייכט,
און הערצער, ווי וואַסערן — פאַראייניקט, דערהויכט.

דערמאָנט ניט זיין נאָמען

דערמאָנט ניט זיין נאָמען, לאָזט אים וואו
זיין שטויב ליגט אין שאָטן, אין שטילן, אין רו.
זאָלן אויפהערן טרערן, וואָס פאַלן אַראָפּ,
ווי נאַכט־טוי, וואָס פאַלט אויף דעם גראָז, ביי זיין קאָפּ.

דאָך נאַכט־טוי וואָס פאַלט און אין שטילקייט באַוויינט,
באַפרישט אויך זיין קבר, באַגרינט און באַשיינט,
אַזוי וועלן אונזערע טרערן אויף לאַנג
זיין אָנדענקען היטן ביי אונז אין געדאַנק.

צי כ׳וועל דיך געדענקען?

ווי לאַנג אין מיין האַרצן וועט אָטעם נאָך זיין,
וועל איך ניט פאַרגעסן דיך, טייערע מיין;
מיט גאַר דיינע ווייען, מיט גאַר דיינע לייד,
דו ביזט מיר פיל ליבער ווי וועלטן פון פרייד.

ווען דו, ווי איך ווינש דיר, וואָלסט פריי זיין און גרויס,
דער פּערל, דער שענסטער, די דופטיקסטע רויז,
וואָלט איך זיך געפרייט מער, מיט שטאָלצקייט געשיינט —
צי וואָלט איך דיך אָבער געליבט מער ווי היינט?

ווען כ׳זע דיך אין וויי און אין צוואַנג,און אין יאָך —
דאַן ווערסטו מיר ליבער און טייערער נאָך.
מיר טרינקען, ווי פייגל מיט דורשטיקער לוסט
דיין ליבע, וואָס טריפט מיט דעם בלוט פון דיין ברוסט.

זי איז ווייט פון דעם לאַנד

די איז ווייט פון דעם לאַנד, וואו איר יוגנט־העלד ליגט,
און ליבהאָבערס אַרום איר — מיט טרערן אין שטים,
נאָר זי ווענדט זיך אָפּ קאַלט און זי וויינט טיף געדריקט,
ווייל ס׳האַרץ אירס ליגט אויך אין דעם קבר מיט אים.

זי זינגט פון איר פאָטערלאַנדס ווילדן געזאַנג,
מיט מונטערע טענער וואָס ער האָט געליבט,
ווי ווייניק, עס ווייסט דער וואָס הערט־צו איר קלאַנג,
ווי דער זינגערינס האַרץ איז איר שווער און באַטריבט.

פאַר איר בלויז געלעבט, פאַר דאָס לאַנד זיינס געשטאָרבן,
ער איז צו זייביידן געווען איבערגעבן;
ניט גיך וועט דאָס לאַנד אים פאַרגעסן — דעם קרבן,
זיין ליבסטע וועט אויך אים ניט לאַנג איבערלעבן.

אָ, גראָבט איר אַ קבר, וואו ס׳רוען די שטראַלן,
וואָס זאָגן שוין אָן: ס׳קומט אַ גלאָררייכער מאָרגן,
זיי וועלן איר שלאָף, איר צוקאָפּנס באַשטראַלן,
ווי ס׳שטראַלט ליב איר שמייכל פון איר אינזל פון זאָרגן.

גיי, דאָרט וואו רום דערוואַרט דיך

גיי דאָרט, וואו רום דערוואַרט דיך,
און ווען דער רום דערהויבט זיך,
דערמאָן זיך דאַן אָן מיר!
ווען, אין שיינע קלאַנגען,
הערסטו ליבּ־געזאַנגען,
דערמאָן זיך דאַן אָן מיר!
מעגן הענט דיך דריקן
טרייערע פריינט — אַנטציקן,
דיינע אַלע גליקן —
פיל ליבער זיין צו דיר;
דאָך ווען פריינט — פיל בעסער
פריידן — העלער, גרעסער,
דערמאָן זיך דאַן אָן מיר!

בליקסטו מיט באַגערן
צו דיין אָוונט־שטערן,
דערמאָן זיך דאַן אָן מיר!
ער האָט, ביים זיך צעשיידן,
העל באַגלאַנצט אונזביידן,
טראַכט דערפאַר פון מיר!
אָפט ביים סוף פון זומער,
זעט דיין אויג, אין קומער
רויזן — מיד און שלומער —
אַמאָל באַליבט ביי דיר,
טראַכט פון איר — געצירט זיי,
האָסט דורך איר געליבט זיי,
דערמאָן זיך דאַן אָן מיר!

ווען אין הערבסט, צעשפרייטע
בלעטער ליגן, טויטע,
דערמאָן זיך דאַן אָן מיר!
פלאַמט דיר פריידיק־טייער
פון קאַמין דער פייער,
דערמאָן זיך דאַן אָן מיר!
זאָל געזאַנג דורכדרינגדיק,
דאָס געפיל באַצווינגדיק,
דיר דיין האַרץ באַצויברנדיק
רויבן אַ טרער פון דיר!
זאָל דערמאָנונג ברענגען דיר —
לידערוואָס געזונגען דיר, —
דערמאָן זיך דאַן אָן מיר!

קום, רו אויף מיין האַרצן

קום, רו אויף מיין האַרצן, שוואַך שעפּסעלע מיין,
פון סטאַדע פאַרלאָרן, די היים דאָ איז דיין;
דאָ איז נאָך מיין שמייכל גאַנץ מונטער און קלאָר,
מיין האַרץ און מיין האַנט — דיין אייגנס אויף וואָר.

וואָס איז דען די ליבע, וואָס גייט ניט באַנאַנד
אין פריידן און ליידן, דורך רום און דורך שאַנד?
איך ווייס ניט, איך פרעג ניט, צי איז דיין גייסט ריין,
איך ווייס נאָר: איך ליב דיך, איז קנאַפּ דאָס אַליין?

האָסט גערופן מיך מלאך אין רגעס פון פרייד,
כ׳וועל זיין אויך דיין מלאך, אין צער און אין לייד, —
כ׳וועל נאָכגיין דיר מוטיק אין פייער און רויך,
דיך שיצן, דיך העלפן און אומקומען אויך.

יעדער גלאַנץ פאַרגייט

יעדער גלאַנץ פאַרגייט,
ווען ס׳לויכט זיין ליכט צום העלסטן;
יעדער גליק פאַרוועלקט, —
דאָס שענסטע גליק — צומשנעלסטן.
דער וועלקנדיקער קראַנץ,
דער פאַלנדיקער שטערן —
בלויז אָפּשפּיגלונג פון גלאַנץ
און גליק וואָס מיר באַגערן.
יעדער גלאַנץ פאַרגייט,
ווען ס׳לויכט זיין ליכט צום העלסטן;
יעדער גליק פאַרוועלקט, —
דאָס שענסטע גליק — צום שנעלסטן.

ווער דאַרף די פרייד, אויף ערד,
וואָס לאָזט זיך אויס אין לײדן?
און וואָס האָט פאַר אַ ווערט
דאָס גליק וואָס שרעקט: „צו שיידן״?
שוין ליבער איז צו זיין
אין פינצטערניש געבונדן,
ווי זיין געבענטשט מיט שיין
און זען דאָס ליכט — פאַרשוואונדן.
יעדער גלאַנץ פאַרגייט
ווען ס׳לויכט זיין ליכט צום העלסטן;
יעדער גליק פאַרוועלקט, —
דאָס שענסטע גליק — צום שנעלסטן.

אָפט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט

1

אָפט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט,
נאָך איידער שלאָף צום בעט מיך בינדט,
דעראינערונג מיך ליב באַוואַכט
און שטיל דעם העלן עבר שפינט:
דאָס גליק, די לייד
פון יוגנט־פרייד,
די ליבעס־ווערטער — דופטיק, צאַרטע;
דער בליק — געשיינט,
פאַרטונקלט — היינט,
די יונגע הערצער, אָפּגענאַרטע...
אַזוי אין שטילקייט פון דער נאַכט,
נאָך איידער שלאָף צום בעט מיך בינדט,
קומט טריב דערינערונג און וואַכט
און העלן עבר פאַר מיר שפינט.

2

ווען כ׳טראַכט פון מיינע פריינט אַצינד —
דער טויט האָט אַלע זיי גערויבט;
ווי בלעטער אין דעם הערבסט, פון ווינט —
פון בוים געריסן און צעשטויבט...
דאַן איך דערפיל
ווי איינער, שטיל
גייט אום אַליין אין זאַל, אין שרעק,
די לאָמפּן — אין שאָטן,
די קראַנצן — צעשאָטן,
און אַלע געסט שוין לאַנג אַוועק.
אַזוי, אין שטילקייט פון דער נאַכט,
נאָך איידער שלאָף צו בעט מיך בינדט,
קומט טריב דערינערונג און וואַכט
און העלן עבר פאַר מיר שפינט.

דו ביסט, אָ גאָט

לך יום אף לך לילה אתה הכינות מאור ושמש;
אתה חצבת כל גבולות ארץ קיץ וחרף אתה יצרתם.
תהלים ע״ד.

דו ביסט, אַ גאָט, דאָס ליכט, די מאַכט
פון אַלע וואונדער פון דער וועלט;
איר גלאַנץ בייטאָג, איר חן ביינאַכט
איז אָפּגלאַנץ נאָר, פון דיר באַהעלט.
ס׳לויכט אומעטום דיין הערלעך שיין,
און אַלץ וואָס איז אין פּראַכט — איז דיין.

ווען טאָג אין אָבשייד־גלאַנץ, בלייבט שטיין
דורך וואָלקנס אָפענע פון פאַרנאַכט,
און הימלס טויערן גאָלדיק־ריין,
זיך דאַכט — זיי ווערן אויפגעמאַכט —
די גאַנצע מילדע פאַרבן־שיין
פון אָוונט הימל, האַר, איז דיין.

ווען, ווי אַ פויגל שוואַרץ, די נאַכט
פאַרשאָטנט הימל, בארג און טאָל,
און ס׳פינקלען פליגל פול מיט פּראַכט
ווי אויגן גאָלדענע אָן אַ צאָל,
די טונקל־וואונדערלעכע שיין,
דאָס הייליק פייער, גאָט, איז דיין.

ווען יונגער פרילינג אָטעמט, שוועבט —
און ס׳וואַרימט אים דיין גייסטיק ליכט,
אויף יעדער בלום, וואָס זומער וועבט —
דו האָלטסט דיין פייערדיק געזיכט.
ס׳לויכט אומעטום דיין ליכט, דיין שיין,
און אַלץ וואָס איז אין פּראַכט — איז דיין.

ווען דו ווילסט מיינע זיין

ווען דו ווילסט מיינע זיין, דאַן וועט אויף וואָר
וועלטס רייכטום ליגן דיר צו דיינע פיס.
אַלץ וואָס ס'איז פאַר פאַנטאַזיע שיין און קלאָר
און וואָס אין האָפענונגס-מוזיק קלינגט זיס
געהערט דאַן דיר, ווען דו ווילסט מיינע זיין!

די בלום וועט בליען וואו מיר וועלן גיין,
ס'וועט זינגען געטלעך יעדער שטראָם און טייך.
די שטערן וועלן פינקלען מיט פיל חן
און ס'לעבן צו אַ שיינעם טרוים זיין גלייך
פאַר ביידן אונז, ווען דו ווילסט מיינע זיין!

ווי שטראָמען, פליסנדיק פון בערגער רייך,
זאָל דאָס געפיל, וואָס קוועלט פון האַרץ און זין,
אויך האַלטן אונזער האַרץ, ווי ס'איז ביים טייך
דאָס פרישע פעלד וואָס בלייבט אויף אייביק גרין,
ווען דו וועסט וועלן מיין געליבטע זיין!

דער גייסט פון ליבע קען, דו מעגסט עס גלויבן,
באַהויכן דעם, וואָס פילט זיין צויבער־שיין,
ער קען זיין היים-געצעלט, זיין הימל אויבן
אויך מאַכן ס'זאָל זיין היים אויף דר'ערד דאָ זיין —
וועסט האָבן עס, ווען דו וועסט מיינע זיין!

אָ, קום —

אָ, קום צו מיר, געליבטע מיין,
ווען טאָג פאַרגייט אין מערב־פלאַם,
ווען רואיק, אין לבנה־שיין,
שווימט די גאָנדאָלאַ אויפן ים.
ווען ליבע קומט מיט פולער פרייד,
באַגלייט מיט העלער צויבער־ליכט,
ווען קלאַנג פון מאַנדאָלין און פלייט
באַצווינגט דאָס האַרץ גאָר אומגעריכט.
קום דאַן צו מיר, געליבטע מיין,
ווען טאָג פאַרגייט אין מערב־פלאַם,
ווען רואיק, אין לבנה־שיין
שווימט די גאָנדאָלאַ אויפן ים.

אָ, דעמאָלט איז די שענסטע צייט
פאַר אונזער ליבע, אונזער טרוים;
ווען אַלץ איז שטיל ביים הימל ווייט,
און שטיל איז איבערן וואַסער־שוים.
ווען פול מיט ליבע וויגט זיך, ציט
פון ווייט דער באַרקאַראָל־געזאַנג,
און יעדעס האַרץ וואָס ליבט און גליט
דערהערן זאָל דעם ווידער־קלאַנג.
דעריבער, קום, געליבטע מיין,
ווען טאָג פאַרגייט אין מערב־פלאַם,
ווען רואיק, אין לבנה־שיין
שווימט די גאָנדאָלאַ אויפן ים.

אין מיטן נאַכט

אין מיטן נאַכט ווען בלאָס אין הימל די לבנה שוועבט,
פלי איך צום טאָל, וואָס מיר האָבן געליבט, ווען דו האָסט נאָך געלעבט;
און טראַכט: אויב גייסטער קומען ווען אַראָפּ אַמאָל
אויף אַ באַזוך, דאַן וועסטו קומען דאָרט צום טאָל
און זאָגן מיר, אַז אונזער ליבע אויך אין הימל לעבט.

איך וועל דאַן זינגען אונזער יונגען, הערלעכן געזאַנג,
וואָס האָט געהאַרמאָנירט מיט אונזערביידנס שטים און קלאַנג;
און, ווען דער עכאָ פון מיין ליד אין טאָל מיר ווידער־קלינגט,
דאַן גלויב איך, ליבסטע מיין, עס איז דיין שטימוואָס זינגט
אַראָפּ, פון הימל ווי אַן ענטפער אויף מיין ליבע־דראַנג.

„עס זיינען פאַראַן לענדער” זאָגט מאָנטיין, „וואו מען גלויבט אז די נשמות פון גליקלעכע מענטשן לעבן אין פולער פרייהייט, אויף פריילעכע פעלדער, און די דאָזיקע נשמות חזרן איבער אונזערע רייד וואָס מיר ריידן אַרויס, און דאָס איז וואָס מיר רופן עכאָ”.

ווען —

ווען נאָר איך זע דיין בליק, וואָס שמייכלט, לאַכט,
פול האָפענונג און פרייד, און שטראַליק־שיין,
ווי ס׳וואָלט קיין וואָלקן ניט געהאַט קיין מאַכט
פאַרפינצטערן אַ הימל אַזוי ריין —
דאַן זיפץ איך, זיך דערמאָנענדיק, ווי שנעל
דו וועסט דורך לייד פאַרלירן יעדן חן,
און ס׳האַרץ דיינס, וואָס איז איצטער פריידיק־העל,
פאַרגעסן וועט — די פרייד וואָס איז געווען.

ווייל קומען וועט די צייט און ברענגען פּלאָג:
צעשטערטע האָפענונג, אַ פריינט ניט טריי,
אַ ליבע וואָס צעברעכט, ווי מיט איין שלאָג
דיין ליבע, הייסע האַרץ, און גייט פאַרביי...
דיין יוגנט, וואָס איז גלייך צו ריינעם שניי,
נאָך איידער ס׳ברעכט דער רעגן דאָרט אַריין,
ווען נאָר זי איז באַרירט געוווען פון ווי
וועט קיינמאָל שיינען מער מיט יוגנט־שיין.

די יונגע מאַי־לבנה

די יונגע מאַי־לבנה שימערט, ליבסטע,
דאָס ליכט פון גלי־וואָרעם פלימערט, ליבסטע!
ווי ליב ס׳איז צו גיין
מיט דיר נאָר אַליין,
ווען די וועלט איז אין טרוימען און שלומערט, ליבסטע.
דערוואַך דאָן! די וועלט איז פול פּראַכט, ליבסטע —
זי איז פאַר דאָס גליק בלויז געמאַכט, טייערע,
דער נאַנט־בעסטער וועג
צו פאַרלענגערן די טעג
איז צו גנבענען צייט פון דער נאַכט, טייערע!

די וועלט טוט נאָך שלאָפן איצט גערן, ליבסטע,
דער שטערן־זעער קוקט אויף די שטערן, ליבסטע,
און איך זוך אליין
אַ שטערנדל קליין —
דיין אויג, וואָס קוקט פון פענצטער, דעם לערן, ליבסטע.
אָ, קום — ביז דער מאָרגן דערוואַכט, טייערע,
דער שטערן־זעער זעט אויס פאַרטראַכט, טייערע,
צי קוקנדיק אויף שטערן־ליכט
וועט ער דאַן אויך דיין ליב געזיכט
באַטראַכטן אַלס שטערן פול פּראַכט, טייערע.

קום איבערן ים

קום איבערן ים,

מיין מיידל — ניט זאַם,
בלייבסט מיינס ווען עס שיינט, צי עס שטורעמט, צי ס׳שנייט:
צייט לויפט פאַרביי,
די זעל — ווען געטריי —
בלייבט דאָך די זעלביקע וואו נאָר זי גייט.
איך ליב דיך אין דיין בייזן שיקזאַל און דיין נויט;
וואו דו ביסט דאָ איז לעבן; און וואו דו פעלסט — איז טויט.
אָ, קום איבערן ים
מיין מיידל — ניט זאַם,
קום, וואו דער ווינט דאָרט וויהט;
צייט פליט פאַרביי,
די זעל — ווען געטריי
בלייבט דאָך די זעלביקע וואו נאָר זי גייט.

איז ניט דער ים
פאַר די אָן צאַם?
דאָס לאַנד איז בלויז פאַר קייטן, קנעכט,
דאָ איז בלויז יאָך, —
אויפן וואַסער דאָך
הערשט אונזער ליבע, פרייהייט, רעכט.
קיין אויג וואָס היט, קיין צונג וואָס שפּאָט...
אויס ערד, — דער הימל נאָר און גאָט!
אָ, קום געשווינד
מיט מיר, מיין קינד,
בלייבסט מיינס ווען ס׳שיינט, צי ס׳שטורעמט, צי ס׳שנייט:
צייט פליט פאַרביי,
די זעל — ווען געטריי,
בלייבט דאָך די זעלביקע וואו נאָר זי גייט.

אָ, צווייפל ניט

אָ, צווייפל ניט, אַז ס׳איז די צייט,
ווען כ׳בין אומטריי געווען, פאַרביי, —
איצט זאָל פאַרשטאַנד און רואיקייט
מיין ליבעס־פייער היטן טריי.
כאָטש ס׳האָט מיין האַרץ גאָר יונג געבליט
און שענע הענט — מיין בוים געשטערט,
זיי האָבן בלויז באַרויבט דעם צוויט,
די פרוכט — אין גאַנצן דיר געהערט.
דאָן צווייפל ניט, אַז ס׳איז די צייט,
ווען כ׳בין אומטריי געווען, פאַרביי, —
איצט זאָל פאַרשטאַנד און רואיקייט
מיין ליבעס־פייער היטן טריי.

און כאָטש עס פעלט מיין פלייטן־שפּיל
דער ליבעס־פייער, שיין און גרויס,
דאָך גלויב מיר, אַז איך שטאַרקער פיל
דאָס גליק, וואָס כ׳זאָג דיר ניט אַרויס.
די בין אין גאָרטן פליט אַרום
און זינגט פון ליבע און באַגער;
געפינט זי נאָר איר ליבלינג־בלום, —
דאָן בלייבט זי שטום און זשומט ניט מער.
אָ, צווייפל ניט, אַז ס׳איז די צייט,
ווען כ׳בין אומטריי געווען, פאַרביי —
איצט זאָל פאַרשטאַנד און רואיקייט,
דורך דיר, מיין ליבע היטן טריי.

אָ, גיי נאָך ניט

אָ, גיי נאָך ניט, ס'איז איצט די שעה,
ווען ווי די נאַכט־בלום טונקל־גראָ,
די לוסט, וואָס שאַרפע ליכט פאַראַכט,
הויבט בליען אָן פאַר זין פון נאַכט,
און טעכטער, אין לבנה־ליכט באַשטראַלט.
צו בענטשן אָט די שעה מיט פרייד
איז שיינקייט און לבנה גרייט
ס'איז דאַן, ווען איבערפילט דאַרף זיין
די בעכער זייערע רויט מיט וויין.
אָ בלייב, — אָ האַלט, —
ווייל גליק שמידט זעלטן ווען אַ קייט
ווי אָט די נאַכט, וואָס ס'טוט מיר לייד
צו ברעכן איר גאָר באַלד.

אָ, גיי נאָך ניט, ווייל דער פאַנטאַן,
אין אַמנאַנס *) אַלטע צייטן דאַן
האָט אויך בייטאָג געפלאָסן קאַלט,
דאָך אָנגעהויבן זידן באַלד,
מיט זעלן־פרייד אין אָוונט־שעה.
בייטאָג דאַרף ס'פרויען האַרץ זיין גלייך
ווי ס'איז אין ווינטער קאַלט דער טייך,
און ניט פאַנאַנדערציינדן פריי,
ביז ס'קומט די אָוונט־צייט אויפסניי.
פאַרבלייב, אָ, דאָ, —
צי האָט נאָך אַ פרימאָרגן דען
געזען אזעלכע אויגן ווען,
ווי די וואָס שיינען דאָ ?

---

*) אַמנאַנס — דער טעמפל פון אַמנאַן, אין גאָר אַלטע צייטן.

עס קומט אַ צייט

עס קומט אַמאָל אַ צייט, אַ טריבע צייט,
פאַר דעם, ווען ס׳האַרץ געפלויגן איז אַרום
די אַלע יוגנטס פעלדער, ברייט און ווייט,
און האָט געזויגן פון איעדער בלום.

און פלוצים מוז פאַרגעסן גאָר זיין זעל
די אַלע טרוימען, אַזוי שיין און צאַרט;
אָ, דאַן איז גראָד די צייט צו שטאַרבן שנעל,
ווייל קיין זאַך מער אין לעבן אים דערוואַרט.

בשעת די זון אין אַפריקע פאַרגייט,
ברעכט דאָרט די נאַכט ווי מיטמאָל אַריין;
אַזוי אויך, ווען דער ליבעס־קראַנץ פאַרווייט —
אַ סוף זאָל אין איין בליק צום לעבן זיין!

ניט ווי אַ טאָג אין וויטן קאַלטן נאָרט,
ווען עס ליכט נאָך זון־פאַרגאַנג זיך לאַנגזאַם ציט,
ס׳בלייבט איבער בלויז אַ גלאַנץ אַ קאַלטער דאָרט
פון פייער וואָס איז לאַנג, שוין לאַנג פאַרגליט.

האָט לייד דיר דיין יוגנט פאַרהאַנגען

האָט לייד דיך דיין יוגנט פאַרהאַנגען,
ווי וואָלקנס דעם גאָלדענעם מאָרגן ?
איז גיך דיר דיין יוגנט פאַרגאַנגען,
וואָס איז אַזוי זיס אויך אין זאָרגן !
צעשמעטערט דער פליגל פון צייט
אין האַרצן דיין ליבסטן געפיל ?
דאַן קום, אָרים קינד, בא מיין זייט,
כ׳וועל וויינען מיט דיר אין דער שטיל.

האָט ליבע דיין זעל, אַזוי צאַרט,
אזוי ווי דער גאָלד־גרוב פאַרפירט,
וואָס פינקלט מיט גאָלד און פאַרנאַרט —
פון אויבן באַגלאַנצט און באַצירט —
נאָר גייט מען אין גאָלד־גרוב אַריין
וואָס טיפער פאַרפירט אין איר רוים,
פאַרשווינדט דאַן איר גאָלדענער שיין,
ווי ליבע, און פאַלש ווי אַ טרוים ?

האָט האָפנונג געשיינט דיר מיט גלאַנץ,
ווי דער פויגל מיט דעם כישוף־שטיין,
וואָס איז צווישן ביימער אין טאַנץ —
איז האָפענונג אַזוי דיר געווען ? —
פון צוויינ צו אַ צווייג אומגעפלויגן,
געבליצט מיט דעם שטיין נאָכאַנאַנד
און האָט ער דיך נאָענט צוגעצויגן —
פאַרשוואונדן איז דאַן דער בריליאַנט ?

אויב יוגנט אַזוי פון דיר ווייכט,
ווען לייד אויך זעט אויס אַזוי העל;
אויב האָפענונג וואָס פירט אַזוי לייכט
באַטראָגן האָט דיך אַזוי שנעל,
אויב ס'האָט דיר די אייז־קאַלטע וועלט
באַליידיקט דיין שענסטן געפיל,
קום, פריינט, דאַן צו מיר אין געצעלט,
כ'וועל וויינען מיט דיר אין דער שטיל.

דער אורשפרונג פון דער האַרפע

מען גלויבט, אַז די האַרף מיט איר גאָלדענער ראַם,
געווען איז אַ זינגענדיקע נימפע אין ים;
פאַרנאַכט פלעגט זי אַפט פון דעם וואַסער אַרויס
צו טרעפן אַ יונג, וואָס געליבט האָט זי הייס.

נאָר אומזיסט — ווייל געלאָזן האָט ער זי אַליין
צו נעצן אירע צעפּ, דורך דער נאַכט, אין געוויין;
ביז גאָט האָט מיט רחמים איר ליבע באַטראַכט
און האָט פון איר קערפּער די האַרפע געמאַכט.

זי אַטעמט, זי שמייכלט דאָס זעלבע נאָך שיין —
איר גוף איז געהילט מיט איר נימפעשן חן;
איר האָר, וואָס פלעגט פריי אויף איר אָרט זיך וויגן —
פאַרוואַנדלט אין סטרונעס פון געטלעכן ניגון.

דערפאַר איז די האַרפע באַרימט פון לאַנג אַן:
אַז ליבעס שפראַך בינדט זי מיט אומעט אין טאָן;
ביז ווען דו צעטיילסט זיי און זינגסט דאַן אַרויס:
מיט דיר רייד איך ליבע, אָן דיר גיי איך אויס:

די לעצטע זומער-רויז

די לעצטע וואָס בליט נאָך
פון זומער — די רויז;
אירע חברטעס אַלע —
פאַרוועלקט שוין און אויס;
קיין בלום פון איר גלייכן,
קיין קנאָספּ ביי איר זייט,
איר פרייד אָפּצושפּיגלען,
צו איר צער ווען זיליידט.

כ׳וועל אַליין דיך ניט לאָזן
אויפן צווייגל אין וויי;
עס שלאָפן די ליבסטע,
גיי שלאָף אויך מיט זיי.
דעריבער צעוואַרף איך
דיין צווייט און צעשפּרייט
אויף בייטן וואו ס׳ליגן
דיינע חברטעס טויט.

כ׳וועל אפשר דיר נאָכגיין,
ווען פריינטשאַפט פאַרשווינדט,
ווען אוצרות פון ליבע
צעווייעט דער ווינט.
ווען הערצער געטרייע
פאַרוועלקן, פאַרגיין,
אָ, ווער וויל דאָ בלייבן
אין אומעט אַליין?...

לעבט גליקלעך — נאָר

לעבט גליקלעך — נאָר ווען אַמאָל שפּעט אין דער נאַכט
פאַרברענגט איר צוזאַמען און פרייט זיך און לאַכט,
דאַן טראַכט פון דעם פריינט וואָס האָט גראַד אַזוי גלייך
פאַרגעסן זיין לייד, צו זיין גליקלעך מיט אייך.
פאַרשווינדן מעג אויך יעדער האָפענונגס שיין
פון יענע וואָס האָבן פאַרגרינגערט זיין פּיין,
דאָך קיינמאָל פאַרגעסט ער דעם טרוים אַזוי רייך,
ווען ער איז געוועזן צוזאַמען מיט אייך.

און גראַד יענעם אָוונט ווען גליק אָן אַ מאָס
פילט אָן יעדנס האַרץ און אויך יעדערנס כוס —
מיין וואנדערנדיקער וועג מעג זיין פינצטער, צי העל
מיט אייך, מיינע פריינט, יענע נאַכט איז מיין זעל;
מיט אייך אין דעם הוליען און שטיפן פאַראיינט
און מיט אייער שמייכל קומט קריק זי באַשיינט —
באַגליקט, ווי זי וואָלט מיר צופרידן דערציילט:
אַ שטים האָט דערמאָנט: „ס'איז א שאָד, וואָס ער פעלט".

מעג שיקזאָל זיין בייז — „ס'איז פאַראַן דאָך אַ לוסט,
אַ טרוים פון אַמאָל וואָס לעבט אייביק אין ברוסט;
וואָס קומט דורך דער שעה פון דער נאַכט און פון לייד
ברענגט ווידער די בילדער פון ליבע און פרייד,
אַך, מיט אַזאַ טרוים איז איצט פול מיין געמיט,
ווי די וואַזע אין וועלכער אַ בלום האָט געבליט,
צעברעך אויך די וואַזע, אויב ס'איז דיין פאַרלאַנג,
דער דופט פון דער רויז אָבער דויערט נאָך לאַנג.

עטלעכע קריטישע באַמערקונגען וועגן טאָמאַס מור

1

טאָמאַס מור — דער דיכטער פון לירישער שיינקייט און צאַרטער מעלאָדיע

די בעסטע פון טאמאס מורס אירלענדישע מעלאדיעס, וואס ער האט ארויסגעגעבן אין יאר 1796, באהאנדלען אומדירעקט דעם קאמף פון אירלאנד קעגן ענגלאנד. פיר פון זיי פארמאגן לירישע שיינקייט און צארטע מעלאדיע.

זייער אפט דערגרייכן זיי אמתן פאטאס, אבער אפילו די וואס זיינען אין לייכטן און פרייליכן טאן זיינען אויך מחיהדיק. טאמאס מור האט זיי אליין געזונגען אין געזעלשאפט, און ס'וועט נישט זיין איבערטריבן צו באהויפטן, אז מיט זייער טיפן אינטערעס,, וואס זיי האבן אין זייער צייט ארויסגערופן, האבן זיי געהאלפן אנצורעגן די הערצער פון מענטשן צו ווייטערער אלגעמיינער עמאנציפאציע.

סטאטפארד א. ברוק

2

טאָמאַס מור, דער גרויסער ראָמאַנטיקער

טאמאס מור האט דערווארבן ביי זיין לעבן א געוואלדיקע רעפוטאציע און גרויס דערפאלג, וואס זיינען פאר זיך אליין געווען ראמאנטיש.

זיין גרויס אריענטאליש ווערק, „לאלא רוק” פארמאגט אן אייגן ווינקל אין די ארכיוון פון ראמאנטישער פאעזיע. אייניקע פון זיינע לירישע געזאנגען ווי: ”אפט אין א שטילער נאכט”, „די לעצטע רויז פון זומער” און אנדערע פון „די אירלענדישע מעלאדיעז” צו וועלכע א גרויסע צאל קאמפאזיטארן האבן געשריבן מוזיק אין פארלויף פון לעצטן יארהונדערט — וועלן לעבן ביז אין דער ווייטער צוקונפט.

אויך פון לאנג דויערנדיקן ווערט איז זיין ביאגראפיע ”דאס לעבן פון לארד בייראן”, וועלכע רעכנט זיך צווישן די בעסטע ביאגראפיעס אין דער וועלט־ליטעראטור.

דזשאַן דרינקוואָטער

3

טאָמאַס מורס לידער און באַלאַדן וועלן איבערלעבן די ווירקונג פון צייט

טאמאס מור איז געווען טיף פארביטערט קעגן דער אנטיפאטישער באהאנדלונג מצ־ענגלאנד צו זיין געליבטער און געפלאגטער אירלאנד, און ער האט געגריפן אין זיין האנט די „ליבע הארפע פון זיין לאנד” מיט דעם רייצנדיקן אימפעט פון אירלענדישן סענטימענט.

דער רעזולטאט איז געווען א גרויסע צאל לידער און באלאדן. פיל פון זיי וועלן איבערלעבן די ווירקונג פון צייט, און וועלן אויפהאלטן זייער ווילדע כוואליע־באוועגלעכע מעלאנכאליע און זייער גלאקן־קלאנג ביז אין דער ווייטער־ווייט.

עדמונד גאָססי

4

טאָמאס מור איז די פאַרקערפּערונג פון גייסטיקער עמפּינדלעכקייט

טאמאס מור איז די פארקערפערונג פון גייסטיקער עמפינדלעכקייט. ער איז דער פארצערטלטערדיכטער, וואס פארצערטלט אויך אנדערע; ער לעבט, וויזט אויס, אין די שענסטע און אויסגעצייכנסטע אייגנטימלעכקייטן פון דער נאטור; ער פארבעלנדט אונזער גייסט מיט זוז־שיין, פארוויגט אים מיט נאכטינגאל־מעלאדיען און פארשיכורט אים מיט מתיקות. מיר לעבן מיט אים אין אַ ענדלאזן חלום פון געפיל, בלומען, רעגנ־בויגן, שמייכל, חן, בליאונג, שעמעוודיקייט, טרערן, קושן און נאכאמאל קושן.

געאָרג בראַנדעס

אויסצוגן פון אייניקע אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן דר. א. אייסענס איבערזעצונגען

די רייכע ענגלישע פּאעזיע ווערט אריינגעפירט אין דער אידישער ליטעראטור פון דר. אברהם אייסען. ער איז נישט דער איינציקער אויף דעם געביט — אבער דער טעטיקסטער. ביי אים איז עס נישט קיין צופאל און נישט קיין קאפריז, נאר א שטענ־דיקע און סיסטעמאטישע ארבעט, וואס ער טוט מיט דער גרעסטער ליבע.

עס איז גענוג צו פארגלייכן דר. אייסענס איבערזעצונג פון אמאר כאיאמס „רו־ביאט" מיט דעם ענגלישן פון פיטשזעראלד, כדי צו באוואונדערן דר אייסענס פינקט־לעכקייט. די זעלטענע געטרייקייט צום אריגינאל, אינהאלט און פארם, וואס די אידישע איבערזעצונג פארמאגט. דער גרעסטער טייל פערזן לייענט זיך ווי אריגינאל.

א. אלמי

איך האב געהאט דאס פארגעניגן פון פארגלייכן געוויסע איבערזעצונגען פון דר. אייסען מיטן ענגלישן אריגינאל און איך מוז צוגעבן, אַז נאר אזא טאלאנטפולער מתמיד ווי דר. אייסען האט אונז געקענט געבן אַזעלכע איבערזעצונגען. זיי זיינען נישט נאר טריי צום אריגינאל, נאר אויך לייכט און פליסיק. עס שפירט זיך כסדר דער גרויסער יראת הכבוד וואס דער אויפריכטיקער איבערזעצער פילט צום אריגינאל.

י. ר. ברינמאַן

דר. אייסענס איבערזעצונג פון לארד בייראנס „אידישע מעלאדיעס" צייכנט זיך אויס מיט דער רייכקייט פון שפראך און מיט זיין קענטעניש אַרויסצוברענגען אלע דינסטע און פארהוילנסטע ניואנסן וואס וויברירן אין אונזער אידיש.

יעקב גאָטליב

דר. אייסענען קומט זיכער אַ גרויסער לויב פאר זיין אמת פיינעם אויסוואל פאר זיין לייכטער, פליסיקער איבערזעצונג פון לארד בייראנס „דער געפאנגענער פון שילאן". אייסען איז געבליבן בוכשטעבלעך טריי דעם אריגינאל — און דאך באשאפן אַ פיינעם אידישן פערז. עס קומט אים אַ שבח פאר זיין מתנה וואס ער האט געבראכט דער אידישער ליטעראטור, אַ קלאסישע פּאעמע — קלאסיש איבערזעצט.

ב. גראַבאַרד

דר. א. אייסען איז אן אומדערמידלעכער איבערזעצער און האט געגעבן א סך שיינע זאכן פון דעם אונדערשעפלעכן אוצר פון דער ענגלישער דיכטונג דעם אידישן לעזער. ווי למשל, לארד בייראנס „דער געפאנגענער פון שילאן", „די אידישע מעלא־דיעס", "קין", „ענאך ארדען" און אנדערע

וואס ווייטער ווערט דר. אייסענס אינטערנעמונגס־קראפט אלץ גרעסער און ער גרייט צו צום דרוק ניט מער און ניט ווייניקער ווי שעקספירס „קעניג ליר" און מילטאנס „שמשון הגבור". ביי דר. אייסען איז עס אן ארבעט פון ליבע אדער ריכטיקער געזאגט פון צוויי ליבעס: פון ליבע צו דער אידישער שפראך און אויך צו דער ענגלישער. דר. אייסען, וועלכער ארבעט אומדערמידלעך צו איבערזעצן די ענגלישע דיכטער שלאגט דא דורך א נייעם וועג.

דר. י. גלאַבוס

דר. אייסען זוכט, שלייפט און פיילט און ברענגט ארויס אין זיינע איבערזעצונגען דעם מאקסימום וואס מען קען דערגרייכן אין אונזער לשון.

אין זיין איבערזעצונג פון לאנגפעלא, האט דר. אייסען, לויט מיין מיינונג, דער־גאנגען צו דער מייסטערשאפט פון די גרויסע רוסישע איבערזעצער פון א זשוקאווסקי און בעלמאנט.

יעקב גלאַנץ

דר. א. אייסען וועלכער ספעציאליזירט זיך מיט א היבשן גראד ליטערארישן דערפאלג אין איבערזעצן ענגלישע פאעזיע אויף אידיש, האט געמאכט א וויכטיקן שריט מיט ארויסגעבן די איבערזעצונג פון לארד בייראנס „קין", איינע פון די מייסטערווערק פון דעם בארימטן ענגלישן דיכטער. די איבערזעצונג, ווי אלעס וואס דר. אייסען טוט אויף אין דעם פעלד, לעזט זיך לייכט און גלאט. די אידיש מאכט דעם איינדרוק פון איינפאכקייט און נאטירלעכקייט. דער לעזער קריגט אין א ריינעם אידיש די געדאנקען און די בילדער פון דעם ענגלישן ארגינאל, און דאס איז דער העכסטער קאמפלימענט וואס מען קען מאכן אן איבערזעצער פון פאעזיע.

פ. ווערניק

דר. א. אייסענס טיפע, ערנסטע באציאונג צו די ענגלישע דיכטער, וועלכע ער איבערזעצט, דערמאנט אין דער באציאונג, וואס די גאר פרומע סופרים האבן געהאט צו די ווערטער און אותיות פון די ספר תורות וואס זיי האבן געשריבן. זיי האבן געציטערט פון יעדן פינטעלע און ביי יעדן „שם" זיינען זיי זיך געלאפן טובל זיין.

ז. ווייַנפּער

עס פרייט אונז צו זאגן אז עס איז געלונגען דר. א. אייסען איבערצוגעבן לארד בייראנס פארפיומע פון ענגליש פלעשל אין א אידיש אזוי פארזיכטיק אז פון ריח זאל כמעט גארניט פארלוירן גייז.

דער ריטם, די מוזיק, דער גראם — אלעס איז געשניצט און געהובלט.

פראָפ. זעליקאָוויטש

מיט דר. א. אייסען איבערזעצונג פון לארד טעניסאנס „ענאך ארדען" איז אריינגעבראכט געווארן אין אידיש איינע פון די שענסטע אידיליעס פון דער וועלט ליטעראטור. דער פארדינסט פון דר. אייסען באשטייט אין דעם, וואס זיינע איבערזעצונגען קומען פון די שענסטע פאעטישע קוועלן פון דער אוניווערסאלער ליטעראטור, און דר. אייסען איז פון די געציילטע, וואס ניט קוקנדיק אויף דער פאטענציעלער מעגלעכקייט צו שאפן אייגענע, אריגינעלע פאעטישע ווערק, זוכט ער דאך די פערל פון אלוועלטלעכער פאעזיע און ברענגט עס אין זיין מייסטערהאפטער איבערזעצונג צו דעם אידישן לייענער.

מאיר זאלאטאראף

עס ווילט זיך מיר ארויסזאגן מבינות וועגן דר. א. אייסענס איבערזעצונג פון אמאר כאיאמס „רובאיאט", פארשטיי איך פארדאמט ווייניק פערזיש. גיין ווידער נאכקוקן, אויב די איבערזעצונג שטימט מיט דעם ענגלישן טעקסט לויט פיטשדזשעראלד פויל איך זיך. איך אליין קען אמווינציקסטן א האלבן טוץ "פייגלען", וואס וואלטן עס מיט ווילדער הנאה געטאן. ביי זיי כאפן איינעם אין אומפינקטלעכקייט איז א געטלעכער פארגעניגן. מיך ארט עס ווייניק. איך האב איבערגעלייענט דאס ביכל „רובאיאט" אין אייסענס איבערזעצונג אין איין אטעם — דער וועג איז געווען א געפלאסטערטער.

מ. י. חאימאוויטש

די איבערזעצונג פון דר. אייסענס 25 לידער פון לאנגפעלא, איז נאך מיין מיינונג, אן אויסגעצייכנטע. איך דענק, דאס ווען לאנגפעלא וואלט געלעבט און פארשטאנען אידיש, וואלט ער קיין בעסערע איעבערזעצונג זיך נארנישט געקענט ווינטשן...

ש. יאנאווסקי

דר. א. אייסען איז אן ארענטלעכער הארעפאשנער אגענט. ווען ער רעדט מיט איך פון בייראן, וויל ער איך געבן בייראן. און ווען ער זאגט טעניסאן, וויל ער איך ניט אפנארן. און ווען ער האט זיך גענומען צו אמאר „כאיאם" האט ער אוועקגעלייגט כוחות צו געבן דעם ריכטיקן „אמאר כאיאם".

קורץ, דר. א. אייסען איז ביי אונז א פיינער ארענטלעכער אגענט פאר פרעמדע דיכטער . . .

„דער לעבעדיגער"

דר. א. אייסען האט אין זיין איבערזעצונג פון לארד בייראנס „אידישע מעלאדיעס" שטרענג אפגעהיט דעם תוך, דעם תמצית, די נשמה, די קווינט־עסענץ פון דעם צארטן און פילדנדיקן דיכטער. דערפאר דערשיינט פאר אונז בייראן אויך אין זיין אידישן מלבוש חנעוודיק, רירנדיק און פול מיט צער און צארן.
אויך די איבערזעצונג פון לארד טעניסאנס „ענאך ארדען" האט דר. אייסען געמאכט מיט א סך וויסן און געוויסן.

דר. יחזקאל לעוויט

איינער פון די פרומע, שטילע און גוטע ביישטייערער צו אונזער ליטעראטור איז דר. אייסען; ער האט זיך פארנומען צו איבערזעצן אין אידיש דאס בעסטע און דאס שענסטע פון דער גרויסער ענגלישער ליטעראטור.

טוט ער עס שטיל, אבער מיט גרויס התמדה, טוט ער עס באשיידן, אבער מיט רירנדיקער איבערגעבנקייט. ער טוט עס מיט ליבע און וואס ווייטער טוט ער עס בבע־סער און שלמותדיקער.

דר. א. מוקדוני

דר. א. אייסען האט די שווערע און ניט־דאנקבארע קונסט פון איבערזעצן געמאכט פאר זיין ליטעראַרישער לעבנס־אויפגאבע. זיין אמביציע איז — באקענען דעם אידישן לעזער מיט דער ענגלישער פאעזיע. ניט מיט דער אדער יענער עפאכע, ניט מיט אזא אדער אנדער ריכטונג, נאר מיט אלע עפאכעס, מיט אלע ריכטונגען פונם פאעטישן שאפן אין ענגליש — די קלאסישע אזוי גוט ווי די מאדערנע. אים מאכט ניט אויס וואס פאר א ווערק עס ליגט פאר אים, שעקספירס סאנעטן אדער דער ענגלישער נוסח פון אמאר כאיאמס „רובאיאט", בייראנס „אידישע מעלאדיעס" אדער טעניסאנס "ענאך ארדען", קארל סאנבורגס אדער לאנפעלאס פאעמע; אים ארט ניט דער מאטיוו, דער ריטם, די פארם, די סביבה פון א ווערק. די פראגע וואס אים אינטערעסירט איז: ווי וועט עס קלינגען אויף אידיש?

אין א. אייסענס איבערזעצונגען איז דא ארבעט, פלייסיקייט און קענטשאפט.

ש. ניגער אין „טאג"

דר. א. אייסען האט זיך באמיט איבערזעצן אין זיין זאמלונג „25 לידער פון וואלט וויטמאן" וויטמאנס ריטם און אינהאלט נאענט צום ארגינאל. אים איז גע־לונגען אריינצופירן דעם אידישן לעזער אין וויטמאנס אריגינעלער און ברייטער וועלט, וואו עס פילט זיך די יונגע פרישקייט פון דער אייביקער נאטור און דער לייכטער אטעם פון פרייהייט.

ל. פאגעלמאן

די פארם פון דר. אייסענס מערסטע „רובאיאט" איבערזעצונגען איז נישט נאר קארעקט, נאר אפילו ריין אין בילדלעכן אויסדרוק און פרעציז געדאנקלעך.

י. ראפאפארט

פאר די איבערזעצונגען, וואס דער דיכטער דר. א. אייסען האט געמאכט פון מיל־טאן, טעניסאן, בייראן און וויטמאן און אנדערע פארדינט ער א באזונדערע אנער־קענונג. דר. אייסען האט אריינגעטראגן דער ערשטער די גרויסע קלאסישע ענגלישע פאעטן אין דער אידישער ליטעראטור. זיין איבערזעצן די „רובאיאט" פון אמאר כאיאם איז איינע פון די באגריסנסווערטע דערשיינונגען אין דער אידישער ליטעראטור.

אברהם רייזען

מען מעג זאגן אז דר. א. אייסען האט איבערגעגעבן דעם אינהאלט פון לארד בייראנס „קין" געטריי — מען קען פילן אין דער איבערזעצונג בייראנס גרויסן שוואונג און ריטם. דר. אייסענס איבערזעצונג איז מער פינקטלעך ווי פרישמאנס, דער ריטם איז דער זעלביקער ווי ביי בייראנען. דוד פרישמאן איגנארירט אין גאנצן בוך בייראנס ריטם.

דר. אייסען האט אויסגעקליבן דעם געביט פון איבערזעצונג פאר זיין לעבנס־בארוף. איך באוואונדער זיין מוט.

דר. ש. סיימאן